**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/6/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער HOCHUL מוטיגט ניו יארקערס צו זיין פארזיכטיג ווען צוויי שטארקע ווינטער שטורעמס זענען ערווארטעט צו באטרעפן די סטעיט ביז זונטאג**

***ווינטן ביז 55 מייל פער שעה זענען ערווארטעט היינט נאכט אין מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, סאוטערן טיער, ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, מיד-הודסאן, צענטראל ניו יארק, נארט קאונטרי און קאפיטאל ראיאנען***

***לעיק עפעקט שניי וועט באטרעפן טיילן פון צענטראל ניו יארק און מאהאווק וועלי פרייטאג ביז שבת***

***קאפיטאל ראיאן, מאהאווק וועלי און צענטראל ניו יארק קענען באקומען ביז צו א פיס פון שניי שבת נאכמיטאג ביז זונטאג אינדערפרי***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמוטיגט ניו יארקערס צו זיין פארזיכטיג ווען צוויי שטארקע ווינטער שטורעמס זענען ערווארטעט צו באטרעפן געגנטער דורכאויס די סטעיט פון פרייטאג ביז זונטאג. די ערשטע שטורעם וועט אנקומען פרייטאג און באטרעפן צענטראל ניו יארק און די מאהאווק וועלי. די צווייטע שטורעם וואס וועט פארקומען שבת ביז זונטאג וועט זיין מער ווייטפארשפרייט, באטרעפנדיג א גרויס טייל פון די סטעיט. שנייפאל ראטעס פון ביז צוויי אינטשעס פער שעה אום פרייטאג און איין אינטש פער שעה אום שבת אין די שווערסטע בענדס קענען שאפן געפארפולע רייזע אומשטענדן. מענטשן זאלן נאכקוקן זייער לאקאלע פאראויסשאצונג און נעמען זיכערהייט מאסנאמען ווען זיי פארן אין באטראפענע געגנטער.

"ווינט און שניי איז ערווארטעט צו באטרעפן מערסטנס פון די סטעיט אנגעפאנגען מארגן, און איך האב מאביליזירט סטעיט רעסאורסעס צו אפרופן און העלפן אונזערע לאקאלע פארטנערס אין האלטן ניו יארקערס פארזיכערט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק איז נישט קיין פרעמדער צו ווינטער וועטער, אבער איך מוטיג יעדעם צו מאכן זיכער אז איר און אייער פאמיליע זענען צוגעגרייט, זייט פארזיכטיג אויב איר רייזט און קוקט ווייטער נאך אייער לאקאלע פארשאצונג."

דורכאויס די ערשטע שטורעם, וועלן ווינטן פון ביז 40 מייל פער שעה באטרעפן מערסטנס פונעם סטעיט ביז פרייטאג אוונט. אנגעפאנגען פרי פרייטאג צופרי, וועט שניי אנפאנגען באטרעפן געגנטער פון הערקימער צו אסוועגא קאונטי און זיי קענען ערווארטן פיר אינטשעס פון שניי, מיט שפיץ זאמלונגען ביז צו א פיס אין עטליכע געגנטער. שפיץ שנייפאל ראטעס פון ביז 2" פער שעה קען זיין ערווארטעט און קען באטרעפן רייזעס אין צענטראל ניו יארק און די מאהאווק וועלי.

די צווייטע שטורעם וועט זיך אנפאנגען שבת נאכמיטאג און ווייטער גיין ביז זונטאג נאכמיטאג. ווייטפארשפרייטע שניי וועט פעלן לענגאויס די סטעיט מיט די מעגליכקייט פאר מיטלמעסיגע ביז שווערע זאמלונגען פון צענטראל ניו יארק צו די קאפיטאל ראיאן. א ווייטפארשפרייטע פיר ביז אכט אינטשעס פון

שניי איז מעגליך אין די געגנטער. א ווייטפארשרייטע דריי ביז זעקס אינטשעס איז ערווארטעט צפון פונעם טרו-וועי. שנייפאל ראטעס קענען איבערשטייגן איין אינטש פער שעה. ווינטן זענען ערווארטעט צו בלייבן אונטער 35 מייל פער שעה מיט עטליכע ווינטן פון ביז 40 מייל פער שעה. די שניי קען זיך טוישן צו א מישונג פון רעגן און שניי לענגאויס ניו יארק סיטי און לאנג איילענד, שבת ביז זונטאג אינדערפרי.

לעיק עפעקט שניי ווארנונגען זענען אין קראפט פאר נארטערן עריע און גענעסי קאונטיס ביז דינסטאג יאנדערפיר, אין אסוועגא, לואיס און דשעפערסאן קאונטיס ביז מיטוואך נאכמיטאג און סאוטערן עריע, ווייאמינג, טשאוטאוקוא און קאטאראוגוס קאונטיס ביז קומענדיגע דאנערשטאג אינדערפרי מיט שטארקע זאמלונגען מעגליך איסט פון לעיקס אנטאריא און עריע.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס ( National Weather Service) וועבזייטל אויף https://alerts.weather.gov/search?area=NY. ניו יארקער ווערן אויך געמוטיגט זיך איינצושרייבן פאר עמערדזשענסי אלערטס דורך סאבסקרייבן צו NY Alert https://alert.ny.gov/ — אן אומזיסטע סערוויס וואס שטעלט צו קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**אגענטור פארברייטערונגען**

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( New York State Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES)**

די דיוויזיעס אפיס פון עמערדזשענסי באהאנדלונג (Office of Emergency Management) שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע מיטארבעטער און זענען גרייט צו אנפירען פארלאנגען פאר הילף. סטעיטס אנגעזאמעלטע פראדוקטן זענען איינגעשטעלט און גרייט ארויסצוגעבן עמערדשענסי אנטווארט און צוגעהערן לויטן באדערפעניש. די סטעיט וואטש צענטער (State Watch Center) קוקט נאנט נאך די שטורעם טרעק און די ווירקונגען לענגויס די סטעיט. ווינטער צוגרייטונג טיפס קען געטראפן ווערן דא.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation)**

די סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע (Department of Transportation) טוט נאכקוקן וועטער אומשטענדן און איז גרייט צו רעאגירן מיט 3,701 אויפזעערס און אפערירער וואס שטייען גרייט לענגאויס די סטעיט. אלע פעלד שטאב מיטגלידער זענען גרייט ארייצושפרינגען און רעאגירן. אלע אוועילעבל אפרוף געצייג איז גרייט צו נוצן און אלע שטובער אין אפעקטירטע געגנטער וועלן בלייבן מיט מאנשאפט גרייט פאר אפעראציעס 24/7 מיט אפעריטארס, סופערווייזערס, און מעכאניקערס דורכאויס די גאנצע געשעעניש, און פריאריטעט רייניגונג אפעראציעס.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,639 גרויסע שארער טראקס
- 350 גרויסע לאודערס
- 158 מיטעלמעסיגע שארער טראקס
- 52 שלעפער שארערס
- 34 שניי בלאזערס
- 19 גרעידערס

די נויט פאר נאך מיטלען וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שטורעם.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org/#:Alerts, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority)**
די טרו-וועי אויטאריטעט טוט נאכקוקן די פאראויסשאצונג און איז גרייט צו רעאגירן מיט 689 אפערירער און אויפזעערס וואס שטייען גרייט. די צאלן פון די עקוויפמענט און מיטלען איבערן סטעיט זענען אויסגערעכנט פאלגנד:

- 347 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער טראקס
- 9 שלעפער שארערס
- 65 לאודערס
- +98,000 טאנען פון זאלץ גרייט צום באניץ

עלעקטראנישע שילדן און סאָושעל מידיע (X און Facebook) ווערן גענוצט צו ווארענען דרייווערס איבער ווינטער וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

ניי פאר דער שניי און אייז סעזאן, זענען אלע פון די טרו-וועי'ס מער ווי 250 העווי-דוטי שארער טראקס אויסגעשטאטעט מיט גרינע האזארד לעקטער, פארשטערקערענדיג די געוועגליכע געלע האזארד לעקטער. גרינע לייטס זענען געמאכט צו פארבעסערן זעהבארקייט און פארבעסערן זיכערהייט דורכאויס ווינטער אפעראציעס, ספעציעל אין וויניג-באלויכטענע צושטאנדן און שווערע וועטער. דרייווערס ווערן דערמאנט אז טרו-וועי שניי שארער פארן אויף א שנעלקייט פון בערך 35 מ.פ.ש. – וואס איז אין פילע פעלער שטייטער פון די ערלויבטע ספיד לימיט – כדי צו זיכער מאכן אז אויסגעשפרייטע זאלץ בלייבט אין די לעינס און שפריצט זיך נישט אראפ פון די שאסיי. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוון שטארק אפגעזונדערט פון די שארער-טראקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. די עפּ גיבט פאר דרייווער דירעקטע צוטריט צו בשעת-מעשה'דיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמעראס און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. מאטאריסטן קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און נאכפאלגן @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס ( New York State Department of Public Service)**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,500 ארבעטער וואס שטיין גרייט לענגאויס די סטעיט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, רעאגירן, און דורכפירן פארעכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט איבער ניו יארק סטעיט, ווי עס פעלט אויס. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
די סטעיט פאליציי האט אנגעוויזן פאר אלע טרופּערס צו בלייבן וואכזאם, און זיי וועלן ארויסשיקן נאך פאטראלן צו באטראפענע געגנטער ווי נויטיג. אלע פאָר-וויהל דרייוו קארן און טרעקלערך זענען אין דינסט, און אלע ספעציאליסטישע וויהיקלס, ווי יו טי ווי טרעקלער און סנאָו-מאָובילס, ווערן אוועקגעשטעלט וואו עס וועט מעגליך אויספעהלן און גרייט געמאכט צו ארויסגעשיקט ווערן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (New York State Department of Environmental Conservation, DEC)**

DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, און ראיאנישע שטאב בלייבן אויפן וואך און זענען פאר צו נאכפאלגן די אנטוויקלנדע סיטואציע און וועטער פארשאצונגען. ארבעטנדיג מיט פארטנער אגענטורן, איז DEC צוגעגרייט צו קאארדינירן ארויסשיקן רעסורן מיט אלע אווילעבל מיטלען, אריינגערעכנט ערשטע אפרופער, צו געצילטע געגנטער אין בעפארגרייטונג צו מעגליכע אפעקטירונג צוליב שניי.

DEC טוט דערמאנען די וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאראווקנעמען און אפפירן שניי אויסצופאלגן די בעסטע וועגן צו העלפן פארמיידן פארפלייצונגען און פארמינערן די מעגליכקייט פאר פאלוטענטס ווי זאלץ, זאמד, אוילן, מיסט און אנדער אפפאל אין שניי פון אפעקטירן די וואסער קוואליטעט. אפפירן שניי צו לאקאלע שטראמען און טייכלעך קענען שאפן אייז דאמבעס וועלכע קענען גורם זיין פלייצונגען. פובליק און פריוואטע שניי שארער דרייווערס זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער די זיכערהייט אנגעלעגנהייטן דורכאויס און נאך ווינטער שטורעמס. נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט אויף [דיוויזיע פון וואסער טעכנישע און אפעראציאנעלע אנווייזונג סעריעס: אוועקפירן שניי (Division of Water Technical and Operational Guidance Series: Snow Disposal)].

אומערווארטעט ווינטער וועטער און שטורעמס אין די אדיראנדעקס, קעטסקילס און אנדערע בעק-קאונטרי געגנטער, קענען שאפן אומערווארטעט געפארפולע אומשטענדן. באזוכער זאלן זיין צוגעגרייט מיט פאסיגע קליידונג און געצייג פאר שניי, אייז און קעלט, צו פארזיכערן א פארזיכערטע ווינטער איבערלעבעניש. שניי טיפקייטן זענען זייער אנדערש דורכאויס די אדיראנדאקס, ווען די טיפסטע שנייען זענען אויף העכערע הויכקייטן אין די High Peaks ראיאן און אנדערע בערג איבער 3,000 פיס. מערסטנס נידעריגערע טרעילס זענען געפרוירן, אריינרעכענענדיג פילע טרעילס אין די קעטסקיל בערג.

אין די צייט וואס עטליכע וואסערוועגן זענען יעצט געפרוירן, ראטן DEC אינדרויסנדיגע ענטוזיאסטישע צו [איבערגיין אייז זיכערהייט אנווייזונגען] איידער ארויסגיין אינדרויסן.

שפאצירער ווערן געראטן צו ציטווייליג אויסמיידן אלע הויכע טרעילס ווי אויף טרעילס וועלכע גייען אריבער וואסערן און טייכן. מענטשן וואס גייען הייקן אין די עדיראַנדעקס ווערן געמוטיגט צו כאפן א בליק אויף די [עדיראַנדעק קאנטרי אינפארמאציע] וועבזייטל בלעטער פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנאלע שאסיי אפשפארונגען און אלגעמיינע פארוויילונג אינפארמאציע.

קאָנטרי באזיכער זאלן [הייקן קלוגערהייט] און אויספאלגן די נויטיגע זיכערהייט אנווייזונגען. פלאנירט אויספלוגן זיך רעכענענדיג מיט דעם. אין אן עמערדזשענסי, רופט 9-1-1. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט 1-833-NYS-RANGERS.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**

ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. אפרופונג עקוויפּמענט ווערט אנגעפילט מיט גאז, אויספרובירט און צוגעגרייט צו ווערן גענוצט זיך אפצורופן צו די שטורעם. פארק באזיכער זאלן באזוכן[https://parks.ny.gov], נאכקוקן די [אומזיסטע מאוביל עפּפ], אדער רופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטיגע נייעס אנבאלאנגט פארק שעות, עפענונגען און פארשליסונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן